מגן ומושיע
צו פארמיידן און צו העלפן בעניני חינוך • To prevent and to help

# חינוך געדאנקען

דורך הרב ל.י. גרינבערג

פרשת צו - זכור
י"ב אדר ב' תשע"ד

גליון כ"ד

## די עצה צו האבן פרייליכע קינדער

**מיר גרייטן זיך** יעצט אויף דעם גרויסן יום טוב פורים, א טאג ווען מיר דארפן אליין זיין בשמחה און פרובירן צו אריינברענגען א שמחה אין אלע אידישע הערצער. מיר וועלן דעריבער ווידמען דעם מאמר די וואך אויף דעם ענין פון שמחה, ווי אזוי אריינצוברענגען שמחה אין א שטוב.

א מלמד האט זיך אמאל שואל עצה געווען מיט מיר בנוגע א קינד וואס איז שטענדיג געווען פארזויערט און האט זיך כסדר אפגערעדט אויף אלע זיינע חברים. איך האב אים געזאגט אז ער זאל אנרופן די עלטערן און פרעגן וואס זיי זאגן דערצו. דעם נעקסטן טאג זאגט מיר דער מלמד אז ער האט אנגערופן די מאמע און זי האט צוגעשטימט אז דאס קינד איז טאקע אן אומצופרידענער, און זי וואונדערט זיך אליין פארוואס דאס איז אזוי. "איך גיב אים אלעס נאך, און פונדעסטוועגן איז ער נישט צופרידן," האט זי געזאגט.

ווען דער מלמד האט דאס געהערט האט ער איר געענטפערט, "איך מיין אז עס איז פונקט פארקערט, ווייל איר גיבט אים אלעס נאך דערפאר איז ער נישט צופרידן."

עלטערן טראכטן אמאל אז וואס מער זאכן מען וועט קויפן פאר א קינד און צו וואס מער פלעצער מען וועט אים טראגן אלס פרייליכער וועט ער זיין. דער אמת איז אבער פונקט פארקערט. וואס מער פיזישע הנאות דאס קינד האט אלס גרעסערע השגות באקומט ער, און ער ווערט נאר ווייניגער צופרידן. מען זאגט נאך פון דעם רבי'ן ר' זושא אז ער איז מקנא א קינד מיט דריי זאכן. איינע פון די זאכן איז דאס וואס א קינד איז אייביג פרייליך. מען דארף פארשטיין פארוואס דאס איז טאקע אזוי. לכאורה פעלט דאך פאר א קינד גאר אסאך, סיי גייסטיש און סיי פיזיש, ער איז אסאך מער באגרעניצט ווי אן עלטערער מענטש. אויב אזוי פארוואס דרייען זיך די קינדער ארום פרייליך בעת ערוואקסענע מענטשן זענען אפטמאל פאר'דאגה'ט און בעצבות?

דער תירוץ איז אז טאקע וויבאלד א קינד האט נאך נישט אזויפיל און ער פארשטייט נאך נישט אזויפיל דערפאר איז ער צופרידן מיט ווייניג. זיינע ערווארטונגען זענען פיל קלענער ווי ביי דעם ערוואקסענעם. ער איז פרייליך מיט וואס ער האט. עלטערן דארפן געבן פאר א קינד בהרחבה אלעס וואס פעלט זיי אויס, אבער מען דארף זיי נישט געבן אלעס. דאס מאכט נישט פרייליכער א קינד.

> **"איך מיין אז עס איז פונקט פארקערט, ווייל איר גיבט אים אלעס נאך דערפאר איז ער נישט צופרידן."**

*דער חוזה פון לובלין זי"ע פלעגט זיך פירן צו געבן א מטבע פאר א קינד פאר'ן דאווענען. מען האט אים אמאל געפרעגט פארוואס ער גיבט די מטבע פאר א קינד, ער קען דאך דאס געבן פאר אן ערוואקסענעם מענטש וואס קען דאס פיל בעסער אויסנוצן, האט ער געענטפערט, "אויב איך גיב עס פאר אן ערוואקסענעם וועט דאס נישט צופיל אויפטון, ער האט נאך טויזנטער זאכן וואס פעלן אים. אבער ווען איך גיב עס פאר א קינד שיינט זיין פנים אויף, ער שפירט ווי די גאנצע וועלט איז זיינס!"*

דעם געדאנק טרעפט מען אין די מגילה. מיר זעען אז אסתר המלכה האט גערופן המן הרשע צו א סעודה צוזאמען מיט איר און דעם קעניג. וואס איז געווען איר חשבון? נאר מעגליך אז זי האט געוויסט דעם סוד אז ווי ווייניגער מען האט איז מען מער בשמחה, אזוי ווי מיר געפונען אין די

המשך אויף צד ב'

המשך פון צד א'

מגילה לא ביקשה דבר. זי איז געווען צופרידן מיט וואס זי האט פארמאגט און נישט געבעטן קיין איבריגע זאכן. האט זי געטראכט אז אויב מען וועט נאכגעבן פאר המן'ען אלע זיינע תאוות דוקא דעמאלט וועט קומען זיין מפלה. ווייל ער וועט ווערן אזוי אומצופרידן פון זיך און זיינע תאוות וועלן וואקסן אזוי הויך, אז ער וועט זיך אליין באגראבן. מען זעט טאקע אז נאכדעם וואס המן איז ארויסגעקומען פון דער פריוואטער סעודה צוזאמען מיט די קעניג און קעניגן, ער האט שוין יעצט דערגרייכט דעם שפיץ גליק, וואלט ער זיך געדארפט שפירן איבערגליקליך. אבער ניין, המן זעט אז מרדכי ביקט זיך נישט צו אים, און ער זאגט צו זיין ווייב זרש וכל זה איננו שוה לי. (כאטש אפילו ער האט שוין פריער געוויסט אז מרדכי ביקט זיך נישט פאר אים און דעריבער געמאכט די גזירה צי פארלענדן כלל ישראל) זיין תאוה צו כבוד איז אזוי געשטיגן אז אויב איין מרדכי האט זיך נישט געביקט צו אים האט ער עס בשום אופן נישט געקענט אראפשלינגען, און אזוי איז געקומען זיין מפלה. ווייל אזוי איז דער סדר, וואס מער מען האט, אלס מער וויל מען. יש לו מנה, רוצה מאתיים.

די גמרא דערציילט אז אביי איז געווען ביי רבה'ס הויז אום פורים, און ער איז ארויס זאט. דערנאך איז ער געגאנגען צו רב מרי, און מען האט אים געגעבן זעכציג מאכלים און ער האט אלעס אויפגעגעסן, עד כדי כך אז ער האט שיער אויפגעגעסן דעם טעלער. (אגב די מהרש"א זאגט בדרך בדיחותא אז קען זיין די טעלער איז אויך געווען א מאכל, אזוי ווי מיר מאכן היינטיגע צייטן אמאהל די טעלער פון א טייג) די מפרשים שטעלן זיך וואס איז דער מוסר השכל פון די מעשה, אבער לויט ווי מיר שמועסן קען זיין אז די גמרא וויל אונז לאזן הערן דעם זעלבן געדאנק אז וואס מער מען גיבט זיך נאך די תאוות אלס מער רייצט מען אן דעם אפעטיט. ווען אביי האט געגעסן א פשוט'ע סעודה ביי רבה איז ער ארויס אנגעזעטיגט. אבער ווען ער האט געגעסן די גוטע מאכלים ביי רב מרי, איז וואס מער ער האט געגעסן אלס מער האט ער געוואלט און ווען ער האט שוין אלעס אויפגעגעסן האט ער געוואלט אויפעסן דעם טעלער.

**אמאל קען מען סתם אזוי גיבן א גוטע זאך צו ווייזן פאר דעם קינד אז מען האט אים ליב, אבער עס דארף זיין מיט א חשבון**

אפטמאל גיבן עלטערן נאך זאכן פאר די קינדער ווייל זיי האבן נישט קיין כח צו הערן דעם קינד בעטן. אין אנדערע פעלער ווילן זיי פשוט זיין גוטע עלטערן און דערפאר באווארפן זיי די קינדער מיט אלע סארטן מתנות און נאשערייען. אבער ווי געשמועסט איז דאס נישט קיין ריכטיגע חשבון. ווייל וואס מער מען וועט נאכגעבן דאס קינד אלס מער וועט ער בעטן און אלס וויניגער וועט ער זיין צופרידן. אודאי דארף מען צומאל קויפן פאר דעם קינד א מתנה אדער א גוטע זאך. אבער מען דארף דאס איבערלאזן פאר א ספעציעלע געלעגנהייט, צום ביישפיל, א יום הולדת, א סיום, וכדומה. אמאל קען מען סתם אזוי גיבן א גוטע זאך צו ווייזן פאר דעם קינד אז מען האט אים ליב, אבער עס דארף זיין מיט א חשבון, אזוי האט עס א חשיבות און עס קען האבן דעם געוואונטשענעם רעזולטאט.

לעילוי נשמת כ"ק מרן אדמו"ר הרה"ק
**הרה"ק רבי נפתלי צבי בן הרה"ק רבי שלמה זצוק"ל**
**אדמו"ר מבאבוב יצ"ו**
נפטר י"ב אדר תשס"ו לפ"ק
זכותו הגדול והקדוש יגן עלינו ועל כל ישראל אמן
נתנדב ע"י ר' שמואל יצחק בן אסתר מלכה

Shimmy Goldberg
DRIVEWAY LEASING
Phone: 718.813.3000 #103
Monsey: 845.459.AUTO (2886)
Fax: 718.517.8022 Cell: 347.351.9148
Email: shimmy@drivewayleasing.com
www.drivewayleasing.com

TRUST INSURANCE BROKERAGE
MOSHE STEINMETZ
ALL FORMS OF INSURANCE
COMMERCIAL
RESIDENTIAL
FIRE INSURANCE
WORKERS COMP
AUTO
HEALTH
DISABILITY
4319 13th Avenue
Brooklyn N.Y. 11219

**מנדב צו זיין "חינוך געדאנקען" לעילוי נשמת, לרפואה, לזכות פאר אייער קרובים אדער באקאנטע**
**רופט 718-758-5780 אדער שיקט אן email צו muganemoshia@gmail.com**

**צו באקומען "חינוך געדאנקען" דורך email שיקט אן email צו muganemoshia@gmail.com**